בס"ד
פיקודי תשפ"ד
גליון 182

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אוּמְבּוֹיגְזַאם

אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי פִינְפְטֶע וָואךְ וואוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעדְט אַרוּם וֶועגְן דֶעם מִשְׁכָּן אוּן דִי קְלֵיידֶער פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל. דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר מַאֲרִיךְ אַרוּם דֶעם. מִיר וֵוייסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז קֵיין שוּם אוֹת אִין דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוּמְזִיסְט חַס וְשָׁלוֹם, אִין יֶעדֶע אוֹת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי אֲרִיכוּת אוּן דִי פְּרָטִים וָואס דִי תּוֹרָה רֶעדְט אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן? נָאךְ אַ זַאךְ דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין – עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער מִשְׁכָּן אוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער יֶעצְט וָואס עֶס אִיז לֵיידֶער נִישְׁט דָא דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דֶער מִשְׁכָּן. וָואס קֶען אוּנְז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכָּן, פַארְוָואס שְׁטֵייט צְווֵיי מָאל דִי וָוארְט מִשְׁכָּן? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה לֶערְנֶען פוּן דֶעם, אַז דִי מִשְׁכָּן בַּאשִׁיצְט אוּנְז סַיי וֶוען עֶס שְׁטֵייט אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז צוּבְרָאכְן, מִשְׁכָּן בְּבִנְיָנוֹ אוּן מִשְׁכָּן בְּחֻרְבָּנוֹ.

אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען אִין מִדְבָּר גֶעבּוֹיט אוּן צֶענוּמֶען דֶעם מִשְׁכָּן יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנַיי, אוּן מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר אַ פְּלַאץ וָואס אִיז פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקְל, אוּן עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט גֶעפַארְפוּלֶע שְׁלַאנְג אוּן עֶקְדִיסְן, אוּן דַוְקָא דָארְט הָאט מֶען דָאס אוֹיפְגֶעבּוֹיט, צוּ וַוייזְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי מִשְׁכָּן וֶועט זַיין צֶענוּמֶען אוּן צֶעבְרָאכְן, וֶועט דָאס בַּאשִׁיצְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְז.

אַז מִיר קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְן שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסוּפִים צוּ דִי קְדוּשָׁה פוּן דֶער מִשְׁכָּן אוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט זַייעֶרֶע כֵּלִים, אוּן אַלֶעס בְּכֹחַ פוּן דִי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת וָואס זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן אִין יֶעדֶע דוֹר, אַזוֹיוִוי עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה רפ"ב - אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי.

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע מִדְבָּרִיּוֹת - אַלֶע סָארְטְן שְׁוֶועריקֵייטְן סַיי אִין רוּחָנִיּוּת אוּן סַיי אִין גַּשְׁמִיּוּת, נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וָואס מֵיינְט בַּאקוּמֶען אַ גִיפְט פוּן אַ שְׁלַאנְג בְּרוּחָנִיּוּת?

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה קפ"ט עִיקָר נְשִׁיכַת הַנָּחָשׁ אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר גִיפְט פוּנֶעם שְׁלַאנְג אִיז עַצְבוּת אוּן פוֹילְקֵייט. אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען אוּן נִצֹּל וֶוערְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן דִי נָחָשׁ.

אִין נָאךְ אַ תּוֹרָה (קנ"ה) רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם שְׁלַאנְג וָואס בְּרֶענְגְט עַצְבוּת אוּן דֶערְבִּיטֶערְנִישְׁן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס קוּמְט פוּן אַ חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה, אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ מָשָׁל פוּן אַ וֵוייצְל וָואס מֶען זֵייעְט אַיין אִין אַ גוּטֶע עֶרְד וֶועט עֶר וַואקְסְן שֵׁיין אוּן גֶעזוּנְט, קַיין שׁוּם ווִינְט וֶועט עֶס נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן, פַארְוָואס? וַוייל עֶס אִיז דָא אַ כֹּחַ וָואס מַאכְט עֶס וַואקְסְן אוּן שְׁפְּרָאצְן, דָאס אִיז דִי גוּטֶע עֶרְד ווָאוּ מֶען הָאט אִיר אַיינְגֶעפְּלַאנְצְט.



ווִידֶער אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ וֵוייצְל אִין עֶרְד וָואס קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן קַיין תְּבוּאָה, וֶוערְט דָאס וֵוייצְל פַארְפוֹילְט וַוייל דִי עֶרְד הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן שְׁפְּרָאצוּנְגֶען.

אֱמוּנָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וַואקְסְן, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין דֶער מְגִלָּה ""וַיְהִי אוֹמֵן אֶת הֲדַסָּה", אַ לָשׁוֹן פוּן וַואקְסְן, דֶערִיבֶּער וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר וַואקְסְן אוּן בְּלִיעֶן, קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן אוּמְוַוארְפְן, עֶר הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, עֶר דַאוְונְט מִיט אַ חִיּוּת אוּן בְּרֶען אוּן פָארְט צוּ צַדִּיקִים, וַוייל עֶר הָאט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט מוֹרָא, אַזוֹי ווִי בַּיי דֶער מָשָׁל פוּנֶעם וֵוייצְל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי יְמֵי אֲדָר ב' וָואס מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דֶעם חֹדֶשׁ, זָאלְן מִיר אַלֶע אִידְן, נִצֹּל וֶוערְן פוּן עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, אוּן פוּן הָמָן הָרָשָׁע וָואס ווִיל לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים חַס וְשָׁלוֹם. עֶס זָאל זַיין וְנַהֲפוֹךְ הוּא, אוּן עֶס זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דֶער אוֹר הַצַּדִּיק וָואס קֶען בַּאשִׁיצְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶס זָאל זַיין דָאס יָאר נָאר לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה שִׂמְחָה שָׂשׂוֹן וִיקָר אָמֵן וְאָמֵן.



# איין מעשה'לע



אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן פַאר דִי זִיבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיינֶע צֵיינֶער, אַז דֶער צֵיין דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען עֶס נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְס צִיּוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מַיינֶע צֵיין הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעהַיילְט.

קִינְדֶערְלֶעךְ מֶען גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. מִיר הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלְן מַתָּנָה, וַוייל אוּנְז, אַלְס בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים הָאבְּן מִיר דֶער "שַׁבָּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן", וַוייל דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ "אַנְתְּ הוּא שַׁבָּת דְּכוּלְּהוּ יוֹמֵי", עֶר אִיז אַלֶע טָאג שַׁבָּת'דִיג!

לָאמִיר זֶען נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וְוִיאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם שַׁבָּת. אָבֶּער דָאסְמָאל אִיז עֶס נִישְׁט בַּיים רֶבִּי'ן אִינְדֶערְהֵיים מִיט זַיינֶע שֵׁיינֶע לַייכְטֶער אוּן צוּגֶעגְרֵייטֶע טִישׁ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן שַׁבָּתִים וֶוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט פָּארְן צוּ זַיינֶע חֲסִידִים. דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, אַז דְרַיי שַׁבָּתִים אִין יָאר פָּארְט עֶר צוּ דִי חֲסִידִים - אֵיינְמָאל אִין יָאר פְלֶעגְט עֶר פָּארְן קַיין טְשֶׁעהְרִין, אוּן אֵיינְמָאל אִין טִירָאוִויצֶע. דִי שַׁבָּתִים פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן תּוֹרָה בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

דָאסְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעכְנְט צוּ פָּארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע. הָאט אִיר קִינְדֶערְלֶעךְ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַזַא נָאמֶען? אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נָאמֶען, בַּאלְד וֶועט אִיר הֶערְן אַ נָאמֶען פוּן אַ שְׁטָאט, וָואס אִיז נָאכְמֶער מָאדְנֶע...

אוֹיפְן וֶועג צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהַאלְטְן. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם שַׁבָּת אָבֶּער עֶס אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ זֵיי ווִילְן אָנְקוּמֶען, אוּן דִי פֶערְדֶעלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין פַארְמַאטֶערְט. מֶען הַאלְט שׁוֹין מַמָּשׁ פַאר לֶעכְט-צִינְדְן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ אוֹיפְן וֶועג!



דֶער רֶבִּי, וְוִיל אַז דִי פֶערְד זָאלְן

זִיךְ נֶעמֶען שְׁטֶערְקֶער לוֹיפְן, אָבֶער זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט דֶערְבַּיי... דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט יֶעדֶע מִינוּטְן אַזוֹי וִוי אִין אַ חָלוֹם וָואס גֶעשֶׁעט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען ווִיל אַנְטְלוֹיפְן און מֶען קֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעשְׁפִּירְט און עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין חִלּוּל שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער פַּחַד וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען פִירְט אֵיינֶעם אִין גֵיהִנֹּם - אַזַא פַּחַד הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט פוּן אַ חֲשַׁשׁ עֶר זָאל נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ פַארְבְּלַייבְּן אִינֶעם נָאנְטְן שְׁטֶעטֶעלֶע "הָאלָאוְוקִיוּקֶע" וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

דֶער רֶבִּי מִיט דִי חֲסִידִים גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ פְּרֶעמְדֶע גוֹי'שֶׁע שְׁטוּבּ אִין דֶערְפְּל. מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא גֶעפִיל דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעהַאט וֶוען אַלֶעס אִין שְׁטוּבּ אִיז טְרֵייף.



נִישְׁטָא קַיין מְזוּזוֹת אוֹיף דִי טִיר, אֲפִילוּ אַ טִישְׁטוּךְ אוֹיף שַׁבָּת אִיז נִישְׁטָא. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ נָאר גֶעצֵיילְטֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מִיט אִים מִיטְגֶעקוּמֶען. אוֹיךְ זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע חֲסִידִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיפְן וֶועג.

קִינְדֶערְלֶעךְ, וִויאַזוֹי גֵייט מֶען צוּגְרֵייטְן אַ טִישׁ פַאר אַזַא הֵיילִיגְן צַדִּיק? אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס וֶועגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן און טְרִינְקֶען אוֹיפְן שַׁבָּת. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה נָאר צוּ עֶסְן פְּרָאסְטֶע חַלָּה פוּן קָארְן וָואס דִי פּוֹיעֶרְן עֶסְן, און מַאכְן קִדּוּשׁ אוֹיף חַלָּה. אֲפִילוּ דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּעכֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דָא, און אַוַודְאַי נִישְׁט קַיין וַויין אָדֶער בְּרוֹינְפְן. אָפְּגֶערֶעדְט פוּן פִישׁ און פְלֵיישׁ, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין מֶעסֶער צוּ שְׁנֵיידְן דִי חַלָּה, וֶוער טְרַאכְט בִּכְלַל פוּן טֶעלֶערְס און לֶעפְלֶעךְ. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם שַׁבָּת.

אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע זֶענֶען אַלֶע חֲסִידִים זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען פוּן עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, זֵיי וִוילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער דֶער רֶבִּי קוּמְט נִישְׁט אָן! דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און פַארְעֶכְטְן דִי תִּקּוּנִים וָואס עֶר טוּט אוֹיף וֶוען עֶר זָאגְט תּוֹרָה. נִישְׁט נָאר פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דֶערְבַּיי בַּיים הֶערְן דִי תּוֹרָה וֶוערְן פַארְרָאכְטְן נָאר אוֹיךְ אַלֶע דוֹרוֹת, מִיר אַלֶע און אוֹיךְ דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת, אַלֶעמֶען הָאט דֶער רֶבִּי אִינְזִין וֶוען עֶר

זָאגְט תּוֹרָה.

דֶערְפַאר טַאקֶע יֶעדֶעס מָאל ווען דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זָאגְן תּוֹרָה, אָדֶער סַיי וועלְכֶע זַאךְ עֶר הָאט גֶעטוּן בְּצִבּוּר ווען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע לַייט, פְּלֶעגְט עֶר שְׁפִּירְן דִי פַּחַד וואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר ווען מֶען גֵייט אִין שׁוּל צוּ כָּל נִדְרֵי. אַזַא שְׁרֶעק הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב ווער עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ גְּרֵייטְן צוּ זָאגְן תּוֹרָה בְּרַבִּים.



מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי אַלֶע סוֹדוֹת וָואס אִיז גֶעשֶׁען צוּם רֶבִּי'ן. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט פַארְבְּלַייבְּן דָא אִין הָאלָאוְוקִיוּקֶע. אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֶעקְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז פוּל מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת.

אָבֶּער מִיר קִינְדֶערְלֶעךְ זִיצְן יֶעצְט אִין שְׁטוּב בַּיי דִי גֶעדֶעקְטֶע שַׁבָּת טִישׁ, מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, לָאמִיר אַלֶע פְּרֵיילִיךְ זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה "שַׁבָּת קוֹדֶשׁ". מִיר וֶועלְן זִינְגֶען שֵׁיין זְמִירוֹת, זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן עֶסְן אֵיידְל אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט נֶעבְּן גָאר אַ גְרוֹיסְן חָשׁוּבְ'ן אִיד! אוּן אַז מֶען וִויל קֶען מֶען מַאכְן 'כִּבּוּד אָב וָאֵם' אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן דֶעם שֵׁיינֶעם מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

גוּט שַׁבָּת

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן ווְאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים, אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִויסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶּער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן".

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, ווַייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט.... (אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים)

**אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים**

**רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה**



# באַשעפער, שיק אונז וואָלקענעס

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט פַאר מֶער פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק אִין אַלְט שְׁטָאט טְבֶרְיָה. יֶענֶע יָארְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה גָאר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, צְווִישְׁן זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע מִשְׁפָּחוֹת.

רוֹב אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁטַאמְט פוּן רוּסְלַאנְד אָדֶער פּוֹילְן, מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן אוֹיסְגֶעמַאטֶערְטֶע וֶועג אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעפְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע לוּפְט אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וֵוייסְן ווִי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמִיט אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן וָואסְפַארַא שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אוֹיסְצוּפִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ דֶעם רֶבִּי'נְס תַּלְמִיד ר' נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטֶן פוּן קוּמֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד אִין דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה יָארְן.

דִי אַיינְווְאוֹינֶער פוּן טְבֶרְיָה הָאבְּן קְלָאר גֶעקֶענְט אָנְצֵייגְן וֶוער עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, הָאבְּנְדִיג מִיט זִיךְ אַ פֶּעקְל סְפָרִים וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר זֵיי ווִי וַואסֶער פַאר אַ דָארְשְׁטִיגְן. אָדֶער וֶוען עֶס קוּמְט דֶער צַייט פוּן חֲצוֹת, הֶערְט מֶען דִי טְרִיט פוּן דִי חֲסִידִים שְׁפַּאנֶענְדִיג צוּם מִקְוֶה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן, אוּן פוּן דָארְט צוּ דִי פֶעלְדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגֶנְט, זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מֶען וֶועט זֵיי נִישְׁט זֶען סְתַּם פַארְבְּרֶענְגֶען אָדֶער רֶעדְן פָּאלִיטִיק, נָאר שְׁטֶענְדִיג גֵייעֶן זֵיי אַרוּם פַארְבֶּענְקְט, זֵיי ווִילְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס.

אֵיינֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן צְווֵיי מָאל אִין טָאג. אֵיינְמָאל בַּיי חֲצוֹת, אִינְמִיטְן נַאכְט, אוּן אֵיינְמָאל פַארְן דַאוֶוענֶען. אֵיין יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ מַאנְגְל אִין וַואסֶער, מֶען וַוארְט שוֹין וָואכְן, חֳדָשִׁים אוֹיף אַבִּיסְל רֶעגְן, דִי עֶרְד אִיז פַארְטְרִיקְנְט, מֶען קֶען נִישְׁט בַּייטְן דִי וַואסֶער אִין מִקְוֶה, בְּלֵית בְּרֵירָה שְׁטֵייט דִי זֶעלְבֶּע וַואסֶער אִין מִקְוֶה, עֶס אִיז כִּמְעַט ווִי אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן דֶערִין.

"צוּלִיבּ דִי מַאנְגְל אִין וַואסֶער אִיז דִי מִקְוֶה מֶער נִישְׁט אִין בַּאנוּץ", לֵיינְט זִיךְ אַ טָאוְול מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת אוֹיף דֶער פַארְשְׁפַּארְטֶער טִיר פוּן מִקְוֶה. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט גֶעמוּזְט גֵיין זוּכְן אַ צְווֵייטֶע פַּרְנָסָה אוּן פַארְמַאכְן דִי מִקְוֶה.

עֶר אִיז נָאךְ פַּארְנוּמֶען מִיטְן מוֹדָעָה אוּן דֶער מִקְוֶה אִיד זֶעט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס ווִי דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד קוּמְט צוּ גֵיין, עֶר וִויל גֵיין אִין מִקְוֶה צוּם צְוֵוייטְן מָאל אַזוֹי ווִי זַיין סֵדֶר אִיז!

מֶער קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פִירְן מִיט דַיינֶע מִנְהָגִים, דָאס אִיז לוֹיט דִי פַּארְלַאנְג פוּן דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט! עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן טַייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען פְּרִישֶׁע וַואסֶער. מִיט אַזַא גוּט מָארְגְן הָאט דֶער מִקְוֶה אִיד בַּאגְרִיסְט אוּנְזֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חַבֵר.

דֶער חָסִיד אִיז זֵייעֶר פַּארְקְלֶעמְט, וֶוער נָאךְ ווִי אִים וֵוייסְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מִקְוֶה, דָאס גִיבְּט דֶעם אִיד אַ תִּקְוָה, אוּן בְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ פַארְפַּאסְן קַיין מִקְוֶה.

אוֹיפְן פְּלַאץ דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, וָואס גִיבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ פְּלֵייצֶע, עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ תְּפִלָּה, אוּן מְבַטֵל זַיין דֶעם שְׁוֶוערְן גְזֵרָה: "בַּאשֶׁעפֶער, דִי רֶעגְן לִיגְט דָאךְ אִין דַיינֶע הֶענְט, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוּן שִׁיק דִי וָואלְקֶענֶעס זָאלְן אוּנְז בַּאגִיסְן מִיט רֶעגְן וַואסֶער, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען טוֹבְלְ'ן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט", אַזוֹי וֵויינְט עֶר זִיךְ אוֹיס פוּן הַארְצְן טִיף, וֶוען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן זִיךְ טְרֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ רוּף!

עֶר וֵויינְט אוּן וֵויינְט אוּן... זַיין תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען! נָאךְ יֶענֶעם טָאג אִיז גֶעוָוארְן דֶער הִימְל בַּאדֶעקְט מִיט וָואלְקֶענֶעס בְּרֶענְגֶענְדִיג מִיט זִיךְ גִשְׁמֵי בְּרָכָה. אַלֶע גְרִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער בְּשֶׁפַע, אוּן דִי מִקְוֶה הָאט מֶען גֶעקֶענְט טוֹישְׁן מִיט קְרִיסְטַאלֶע קְלָארֶע וַואסֶער.

אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִין מִקְוֶה מִיט אַ שִׂמְחָה אַצִינְדֶער, אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם וואוּנְדֶער. נָאר וֶוען דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט פַּארְצֵיילְט ווִי מִיט זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר גֶעזֶען דִי טְרֶערְן גִיסְן פוּן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעטוּן בִּתְמִימוּת אוּן פוּן הִימְל הָאט מֶען זִיךְ דֶערְבַּארֶעמְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען

# גֶעוַואלְד! אִידְן! זַייט אַייךְ נִשְׁט מְיַיאֵשׁ!

*דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר אוּנְז אַזֶעלְכֶע שְׁמוּעֶסְן וָואס מֶען קֶען דֶערְפוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת, אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ.*

"אָבֶּער אִיטְלִיכֶער צִי [צוּם בַּאשֶׁעפֶער] אִיז זֵייעֶר טַייעֶר וְכוּ', ווִיא אַזוֹי עֶס אִיז, אַבִּי מֶען דֶער הַאלְט זִיךְ"

"גָאט אִיז גְרוֹיס [ג-ר-ו-י-ס] מֶען וֵוייסְט גָאר נִישְׁט. עֶס טוּעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹינֶע זַאכְן, מֶען וֵוייסְט גָאר נִישְׁט. אֲפִילוּ אִין אֵייעֶר זַאךְ וואוּ אַהִין אִיטְלִיכֶער אִיז גֶעפַאלְן, עֶס אִיז פַארְהַאנֶדְן אָבֶּער אַזוֹי אַ זַאךְ וָואס עֶס אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ"

"אַבִּי מֶע אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ פוּן שְׁרֵייעֶן. מֶען שְׁרֵייט, מֶען בֶּעט".

שיש"ק

הגליון נתנדב ע"י הר"ר נחמן גודלבסקי הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י הר"ר שבתי מרדכי
וויינבערגער הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י הר"ר נחמן שווארטש הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

# דָא גֵייט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער

ר' נָתָן הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֵיינְקֵייט אֲפִילוּ אִין גַשְׁמִיוּת און הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהִיטְן דִי בְּגָדִים פוּן שְׁמוּץ קֶען אִיךְ נִישְׁט, בַּיים רֶבִּי'ן הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט זַיין אֲפִילוּ אוֹיף דִי פַּאדֶעשְׁוֶוע (אוּנְטֶער דִי שִׁיךְ) קַיין שְׁטְרוֹי, דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט" מֶען זֶעט פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעהִיטְן זִיךְ צוּ הַאלְטְן גָאר רֵיין און מְסֻדָּר.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן דִי חֲסִידִים בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען אִימֶער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וֶועג, הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע פֵּאוֹת.

קִינְדֶער: אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד דַארְף זַיין רֵיין און מְסֻדָּר, נִישְׁט גֵיין שְׁמוּצִיג און צֶעשְׁלָאמְפֶּערְט, דִי פֵּאוֹת דַארְף זַיין מְסֻדָּר, עֶר דַארְף אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט זַיין בַּאנֶעמוּנְג, דִי אַרוּמִיגֶע זָאלְן בַּאמֶערְקְן אַז: דָא גֵייט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִינְגְל!

## סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בערגער און דער אריםאן 2

אַמָאל אִיז דֶער 'בֶּערְגֶער' פִירְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] פַאר דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס שְׁטוּבּ' – הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי דֶער 'אָרִימַאן' וֵויינְט זֵייעֶר בִּיטֶער, און שְׁלָאגְט זִיךְ 'קָאפּ' אִין דֶער 'וַואנְט'.

אִיז דֶער 'בֶּערְגֶער' צוּ אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען – און הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק"? – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען? – וָואס אִיז מִיר דֶען גֶעבְּלִיבְּן? – בַּיי אֵיינֶעם בְּלֵייבְּט דָאס 'עֲשִׁירוּת', אָדֶער סְ'בְּלַייבְּט 'קִינְדֶער' – אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט – און מַיין 'וַוייבּ', הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועקְגֶענוּמֶען – וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן"?

הָאט עֶס דֶעם 'בֶּערְגֶער', זֵייעֶר אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים 'הַארְץ' – און עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס 'רַחֲמָנוּת' גֶעהַאט אוֹיף דֶעם 'אָרִימַאן' – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ, [וִוי] עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר.

און [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען (דֶער 'בֶּערְגֶער') – און הָאט גֶעטָאן אַ 'וִוילְדֶע זַאךְ' – און סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען צוּם אֱמֶת, אַ 'שִׁגָעוֹן'! און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט גֶעפְרֶעגְט: "אִין וֶועלְכֶער 'מְדִינָה' סְ'וואוֹינְט דֶער 'יֶעדְנִירַאל'"? – און אִיז אַהִינְגֶעפָארְן!

און עֶר הָאט גֶעטָאן אַ 'וִוילְדֶע זַאךְ' – און עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'יֶעדְנִירַאל' אִין שְׁטוּבּ אַרַיין!

און דָארְט פַאר דֶעם 'יֶעדְנִירַאל', שְׁטֵייעֶן

זִיךְ 'וַואכְן' – אוּן עֶר, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַייעֶר־גְרוֹיס 'בֶּהָלָה' – אִיז עֶר פְּלוּצִים [פְּלוּצְלִינְג] מִיט גְרוֹיס 'בֶּהָלָה' גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי 'וַואכְן' – אוּן דִי 'וַואכְן' זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען זַייעֶר פַּארְטוּמֶעלְט גֶעוָוארְן, מַחֲמַת [וַוייל] זַיי הָאבְּן פְּלוּצִים גֶעזֶעהְן אַ 'מֶענְטְשׁ' נֶעבְּן זִיךְ מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה – זֶענֶען זַיי זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן: "וואוּ קוּמְט 'דֶער' אַהֶער"? – אוּן מַחֲמַת 'בֶּהָלָה', הָאבְּן אִים אַלֶע 'וַואכְן' גֶעלָאזְט.

אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע 'וַואכְן' – בִּיז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'יֶעדְנִירַאל' אִין 'שְׁטוּבּ' אַרַיין, צוּ דֶעם 'אָרְט' וָואס זִי אִיז דָארְט גֶעלֶעגְן! – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען – אוּן עֶר הָאט זִי אוֹיפְגֶעוֶועקְט – אוּן הָאט צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "קוּם"!

ווִי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן – אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן – הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "תֵּיכֶּף [גְלַייךְ שׁוֹין] קוּם מִיט מִיר"! אִיז זִי מִיט אִים גֶעגַאנְגֶען! – זֶענֶען זַיי אִיצְט אוֹיךְ אַרִיבֶּער, אִיבֶּער אַלֶע 'וַואכְן' – בִּיז זַיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ הֶערְשְׁט אַרוּמְגֶעקוּקְט – אוּן עֶר הָאט זִיךְ הֶערְשְׁט דֶערְמַאנְט, וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן, אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְדֶע זַאךְ' – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָא וֶועט בְּוַודַאי תֵּיכֶּף וֶוערְן אַ גְרוֹיס 'גֶעפִילְדֶער' [רַעַשׁ] בַּיי דֶעם 'יֶעדְנִירַאל'".

אוּן ס'אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען: "ס'גֶעוָוארְן תֵּיכֶּף אַ גְרוֹיס 'גֶעפִילְדֶער' בַּיים 'יֶעדְנִירַאל'"! אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'בֶּערְגֶער' – אוּן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר, אִין אַ 'גְרוּבּ', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'רֶעגְן־וַואסֶער' – בִּיז דֶער 'רַעַשׁ' וֶועט אִיבֶּערְגֵיין [אַרִיבֶּערְגֵיין] – אוּן עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גֶעזוֹימְט 'צְוֵויי טָאג'!

הָאט זִי גֶעזֶעהְן דָאס 'מְסִירַת־נֶפֶשׁ', וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגְן, אוּן דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִיר – הָאט זִי גֶעשְׁווֹאוֹירְן בַּיי 'גָאט': "אַז גָאר אִיר 'מַזָל' וָואס זִי הָאט – אֶפְשַׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַ 'מַזָל', אַז זִי זָאל הָאבְּן גְרוֹיס 'גְדוּלָה' אוּן 'הַצְלָחָה' – זָאל גָאר אִיר 'הַצְלָחָה', נִישְׁט זַיין פַּארְמִיטְן [צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן] פוּן אִים (דְהַיְינוּ: פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער') – אוּן אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט וֶועלְן זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר 'הַצְלָחָה', מִיט אִיר 'גְדוּלָה', אוּן זִי זָאל בְּלַייבְּן אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר – זָאל עֶס פוּן אִים גָארְנִישְׁט פַּארְמִיטְן זַיין"!

לוּשְׁמִיר ווִי [אָבֶּער ווִיאַזוֹי] נֶעמְט מֶען דָארְט 'עֵדוּת'? – הָאט זִי גֶענוּמֶען דֶעם 'גְרוּבּ' פַּאר אַ 'עֵדוּת'! נָאךְ 'צְוֵויי טָאג', אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – אוּן אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר אִיז מִיט אִיר וַוייטֶער־וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָארְט אִין דֶעם 'אָרְט', זוּכְט מֶען זִי אוֹיךְ"! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן נָאכְאַמָאל – אִין אַ 'מִקְוֶה'!

הָאט זִי זִיךְ דָארְט – ווִידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט, דָאס 'מְסִירַת־נֶפֶשׁ', אוּן דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט פוּן אִירֶעט וֶועגְן – הָאט זִי נָאכְאַמָאל גֶעשְׁווֹאוֹירְן אַזוֹי־ווִי פְרִיעֶר: "אַז גָאר אִיר 'מַזָל' וְכוּ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

אוּן הָאט גֶענוּמֶען דִי 'מִקְוֶה', צוּ 'עֵדוּת'! זֶענֶען זַיי דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען אַקֶעגְן [בְּעֶרֶךְ] 'צְוֵויי

טָאג'!

און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – און זֶענֶען וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! הָאט עֶר ווִידֶער פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז מְ'זוּכְט זֵי דָא אוֹיךְ"!

הָאט עֶר זִיךְ ווִידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן!

און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל – וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶעמָאל אִין אַ אַנְדֶער אָרְט בַּאהַאלְטְן – דְהַיְינוּ: אִין 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן':

דְהַיְינוּ: 1) אִין אַ 'גְרוּבּ מִיט וַואסֶער' – 2) און אִין אַ 'מִקְוֶה', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – 3) און 'אֲגַמִים' (גֶעמוֹיזֶעכְטְס) – 4) און אַ 'קְוָואל' – 5) און 'נְחָלִים' (רִיטְשְׁקֶעס) – 6) און 'נְהָרוֹת' (טַייכְן) – 7) און 'יַמִים'!

און אִין אִיטְלֶעכְן אָרְט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן – הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין 'מְסִירוּת־נֶפֶשׁ', און דִי 'צָרוֹת' וָואס עֶר לַיידְט פוּן אִירֶעט וֶועגְן – און זִי הָאט אִים גֶעשְׁוואוֹירְן אַלְץ: "אַז אִיר 'מַזָל' וְכוּ' כַּנַ"ל – און זִי הָאט אַלֶעמָאל גֶענוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת, כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

און זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶעמָאל בַּאהַאלְטְן אִין דִי 'עָרְטֶער' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'יַם'!

ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'יַם' – און דֶער 'בֶּערְגֶער' אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'סוֹחֵר', און עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דִי 'גֶענָג' [ווֶעגְן] אוֹיף דֶעם 'יַם' – הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין 'מְדִינָה' אַרַיין – בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעפָארְן [אַדוּרְכְגֶעמַאכְט] דֶעם 'וֶועג', און אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ' – און הָאט זִי אָפְּגֶעבְּרַאכְט [אִיר צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ] דֶעם 'אָרִימַאן'! אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה'!

און דֶער 'בֶּערְגֶער' – דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן אַזוֹי אַ [אַזאַ] זַאךְ – און דֶערְצוּ אִיז עֶר עוֹמֵד־בְּנִסָיוֹן (בַּיישְׁטַאנֶען [בַּייגֶעשְׁטַאנֶען] בַּיי דֶער 'פְּרוּב') מִיט אִיר (דְהַיְינוּ: וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר 'גָאט', און הָאט זִי נִישְׁט אָנְגֶערִירְט) – דֶערְפַאר אִיז עֶר 'נִפְקַד' גֶעוָוארְן (דְהַיְינוּ: גֶעדַאכְט [גֶעדֶענְקְט] גֶעוָוארְן בַּיי 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ') – און עֶר הָאט גֶעהַאט דָאס [זֶעלְבְּן] יָאהְר, אַ 'זוּהְן'!

און זִי אוֹיךְ – דְהַיְינוּ: דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ' – דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען [בַּייגֶעשְׁטַאנֶען] אִין אַזוֹי אַ [אַזאַ] 'נִסָיוֹן', מִיט דֶעם 'יֶעדְנִיַראל', און מִיט אִים – דֶערְפַאר הָאט זִי [אוֹיךְ] זוֹכֶה גֶעוֶוען, און זִי הָאט גֶעהַאט אַ 'טָאכְטֶער'!

און 'זִי' [דִי 'טָאכְטֶער'] אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'פַארְשׁוֹין' [יְפַת־תּוֹאַר] – זֵייעֶר אַ 'ווִילְד־גְרוֹיסֶע פַארְשׁוֹין' – וָואס סְ'אִיז גָאר קַיין 'מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט' נִישְׁט גֶעוֶוען – ווָארְן צְווִישְׁן 'מֶענְטְשְׁן', זֶעהְט מֶען גָאר אַזוֹי אַ [אַזאַ] 'שׁוֹינְקֵייט' [שֵׁיינְקֵייט] נִישְׁט – דִי 'וֶועלְט' פְלֶעגְט זָאגְן: "הַלְוַואי סְ'זָאל אוֹיסְוַואקְסְן" – (וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזאַ] 'ווִילְד [ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ', אִיז שְׁוֶוער אַז סְ'זָאל אוֹיסְוַואקְסְן), וָוארְן אִיר 'שֵׁיינְקֵייט' אִיז גֶעוֶוען 'גָאר ווִילְד', וָואס מְ'זֶעהְט אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט!

פְלֶעגְט דִי וֶועלְט אַרַיינְגֵיין, און פְלֶעגְן קוּמֶען זִי זֶעהְן – און פְלֶעגְן זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְן אוֹיף אִיר 'שׁוֹינְקֵייט', וָואס סְ'אִיז זֵייעֶר־זֵייעֶר ווִילְד גֶעוֶוען – און פְלֶעגְן אִיר שֶׁענְקְן 'מַתָּנוֹת' אַלֶעמָאל, מֵחֲמַת לִיבְּשַׁאפְט!

און זֵיי הָאבְּן אַזוֹי אַלְץ גֶעשֶׁענְקְט 'מַתָּנוֹת' – בִּיז דֶער 'אָרִימַאן' אִיז 'רַייךְ' גֶעוָוארְן!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (2)

**א. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**
- ❑ ער האט געדאווענט.
- ❑ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
- ❑ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**ב. האט דער בערגיר מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**
- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ יא, נאר דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**ג. וואו האט זיך דער בערגיר צום ערשט באהאלטן?**
- ❑ אין א הייל.
- ❑ אין א מקוה.
- ❑ אין א גרוב.

**ד. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשוואוירן?**
- ❑ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגיר.
- ❑ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
- ❑ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**ה. ווען האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**
- ❑ דער באשעפער.
- ❑ די גרוב און די מקוה.
- ❑ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**ו. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**
- ❑ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**ז. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**
- ❑ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
- ❑ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִים.
- ❑ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**ח. וועלכע שכר האט דער בערגיר באקומען?**
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ט. וועלכע שכר האט באקומען די ווייב פונעם ארימאן?**
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### סיפור באטראכט

**וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן?**



**תשובות פון פאריגע וואך:**

**ואין וועלכע מעשה נאך פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט א "חלום"?** מעשה ד', מעשה ז', מעשה ח', מעשה י' (וואס מיר לערנען יעצט), מעשה י"א, מעשה י"ג

**דער געווינער פון חכם ותם #8 איז: הילד החשוב נתן שפיגל, ירושלים. מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ירושלים ר' משה געפנער הי"ו**

צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## אַ הוילֶע דִמְיוֹן

**עֶר לוֹיפְט, עֶר לוֹיפְט מִיט אַ פַּארְמַאכְטֶע הַאנְט און יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ!!!**

דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט אַרַיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַּארְמַאכְטֶע הַאנְט, דִי אַרוּמִיגֶע וַוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיין הַאנְט, עֶר נַארְט אוֹיס דֶעם עוֹלָם מִיט זַיין פְרַאגֶע: "וָואס הָאבּ אִיךְ דָארְט אִין מַיין הַאנְט?" עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דֶער יֶענִיגֶער הַאלְט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ גְלוּסְט דֶערְצוּ. דֶעריִבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט אַז דָאס וָואס עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק לִיגְט אִין דֶעם פַארְמַאכְטְן הַאנְט, שְׁפֶּעטֶער עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט און ... סְ'אִיז לֵיידִיג...

פוּנְקְט אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר נַארְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ, אָבֶּער עֶס גֶעלוּנְגְט אִים צוּ אוֹיסְנַארְן אַלֶעמֶען, אַז סְ'דַאכְט זִיךְ פַאר יֶעדְן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע נַארִישֶׁע שְׁטוּתִים מִיט תַּאֲווֹת. נָאכְדֶעם עֶפְנְט דֶער יֵצֶר הָרָע זַיין הַאנְט און גָארְנִישְׁט הָאט עֶר דָארְט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן דִי תַּאֲווֹת בַּיים יֵצֶר הָרָע.

מֶען קֶען זֶען אַמָאל שְׁטְרַאלְן פוּן דֶער זוּן וָואס שַׁיינֶען אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי קוּקְן אוֹיס וִוי אַזֶעלְכֶע זַיילְן וַוייל זֵיי קוּמֶען פוּן דִי זוּן-שְׁטְרַאלְן, מֶען פְּרוּבִּירְט זֵיי כַאפְּן אִין דֶער הַאנְט, אָבֶּער עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט אַרַיין אִין הַאנְט, **פוּנְקְט אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט...**

(לויט שיחות הר"ן ו)

